**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט 50 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע אויסדערוועהלטע געגנטער גרענט צו שטיצן ביז אזויפיל ווי 1,400 נייע היימער אין סירעקיוס

***פעדעראלע גרענט געשאנקען פאר די סירעקיוס האוזינג אויטאריטעט וועט העלפן אויפלעבן היסטארישע סירעקיוס געגנט און איבערבויען פובליק האוזינג***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס דורכן פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט אריבער די סטעיט***

גאווערנער האקול האט היינט געפייערט די 50 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט וואס איז געשאנקען געווארן פאר די סירעקיוס האוזינג אויטאריטעט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון האוזינג און שטאטישע אנטוויקלונג'ס ( Department of Housing and Urban Development, HUD) 325 מיליאן דאלאר אין 'אויסדערוועהלטע געגנטער' (Choice Neighborhoods) גרענטס. די פינאנצירונג וועט גענוצט ווערן צו פאראויס גיין מיט די טראנספארמאציע פלאן פאר די נייע 15'טע וואָרד/East Adams געגנט – א פראיעקט אין 12 פאזעס וואס ציהלט צו אויפלעבן א היסטארישע געגנט אין סירעקיוס– און אזוי אויך צו איבערבויען Pioneer Homes – די ערשטע פובליק האוזינג קאמיוניטי אין ניו יארק סטעיט – און McKinney Manor פארשידענע פּראפּערטיס וואס שטייען ליידיג. די אדמיניסטראציע האט געארבעט מידלאז מיט סירעקיוס און שותפים צו פארזיכערן די נאציאנאלע גרענט פאר וועלכע עס איז דא שטארקע קאנקורענץ. דער פראיעקט איז א קריטישע און ערגענצנדע באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס אינטערסטעיט 81 ווייעדאָקט בריק אוועקנעמונג פראיעקט.

"די 50 מיליאן דאלארדיגע גרענט וועט שטיצן ביז אזויפיל ווי 1,400 נייע היימער און אונז העלפן פארזעצן צו פאראויס טרייבן סירעקיוס'ס ווידער-אויפשטייג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די אנקום פון Micron, די אויפרעכטונג פון די I-81 און רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין ארבעטסקראפט און עדזשוקעישען — בויט די אינוועסטירונג ארויף אויף די ארבעט וואס אונזער סטעיט טוט צו נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג פאר האוזינג און צו טראנספארמירן די סיטי אָוו סירעקיוס. איך באדאנק דיביידן אדמיניסטראציע, [סענאטאר] פירער שומער און סענאטארשע דזשיליבראנד פארן העלפן פאראויס שטופן אונזער חזון פאר די צוקונפט פון צענטראל ניו יארק."

די 50 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע 'אויסדערוועהלטע געגנט' גרענט וועט שטיצן די סירעקיוס האוזינג אויטאריטעט'ס פלאן צו ערזעצן מער פון 600 הייזער אין פובליק האוזינג און צוגעהאלפענע (אסיסטעד) האוזינג וואס זענען אין א שווערע צושטאנד מיט האוזינג פון א הויכע קוואליטעט פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען. דורכן אויפבויען די 118-אקער-גרויסע East Adams Street געגנט וואס באשטייט פון 27 בלאקס — ציהלט דער פראגראמען צו פארבעסערן די אומשטענדן פון הויזגעזינדער וואס וואוינען אין די געגנט דורכן אוועקשטעלן אן עדזשוקעישען סיסטעם וואס העלפט ארויס 'פונעם וויג בעטל ביז קאלעדזש', צושטעלנדיג פלעצער פאר פלעי גרופּס א.ד.ג. פאר אלע קינדער

פון 0-4 יאר אלט און אויסברייטערנדיג פראגראמען וואס פירן צו העכערע גראדואירונג ראטעס, און אזוי אויך גרייטקייט פאר קאלעדזש און קאריערעס. אין צוגאב, רופט די האוזינג אויטאריטעט'ס פלאן פאר נייע געזונטהייט, וואוילזיין און פארוויילונג פראגראמען און איינריכטונגען פאר די קאמיוניטי, און אזוי אויך פאר שטיצע פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג אינציאטיוון און אריינגעמיגע עקאנאמישע געלעגנהייטן. די פינאנצירונג וועט אויך גענוצט ווערן פאר אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען וואס רעכענען אריין אוועקנעמען אנגעלייגטע 'סופּער-בלאקס', שאפן נייע גאסער צו ערמעגליכן פארבינדונג צו די עקזיסטירנדע גאסער, פארשענערטע אויסקוק פון די גאסער און וועגן פאר פיסגייער, און אזוי אויך א 'גרינע וועג' פאר די געגנט פארבינדנדיג די Wilson און Roesler פארקס.

די פעדעראלע גרענט איז טייל פון א 325 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך די HUD'ס אויסדערוועהלטע געגנט גרענטס וואס ציהלט צו בויען נייע אפּאָרדעבעל היימער, אויפטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבן געגנטער אין קאמיוניטיס אריבער דאס לאנד. די גרענטס וועלן אויפבויען 6,500 יוּניטס פון נייע האוזינג, שטיצן קליינע ביזנעסער, אויפבויען טשיילד קעיר צענטערן און נייע פארקס, און זיי וועלן גענוצט ווערן צו ארויסשלעפן נאך מער פון 2.65 ביליאן דאלאר אין אנדערע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען אין די זעלבע געגנטער.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 50 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט וואס איז היינט אנאנסירט געווארן וועט פארזעצן סירעקיוז'ס וועג אויף ארויף און ארויפבויען אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט און צו מאכן האוזינג מער אפּאָרדעבעל. מיט די אינוועסטירונג, קען די סירעקיוּז האוזינג אויטאריטעט אויפלעבן פּראפּערטיס וואס זענען אין א שווערע מצב וואס ענטפערן אויף א קריטישע נויט פאר האוזינג אין די שטאט. די 'אויסדערוועהלטע געגנטער' גרענט פלאסטערט אויס די וועג פאר 1,400 נייע היימער, עס לעבט אויף א היסטארישע געגנט אין די שטאט און הייבט אונטער פאמיליעס דורכן צושטעלן געוואלדיגע געלעגנהייטן צו וואוינען, לערנען און בליהען אין די פלאץ וואס זיי פאררופן א היים. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די סיטי אָוו סירעקיוּז און א דאנק פאר אונזערע פעדעראלע שותפים פארן מאכן דעם היינטיגן טאג פאר א מעגליכקייט."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

די פעדעראלע פינאנצירונג בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט פאר א מער אפּאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליכע פלאץ פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די פיסקל יאר 2025 אקטיוועו בודשעט, האט די גאווערנער פארזיכערט א לאנדמארק אפמאך צו פארמערן ניו יארק'ס האוזינג סופליי דורכ'ן מוטיגן צו בויען האוזינג לענגאויס די שטאט, געצייג צו העלפן ניו יארק סיטי בויען מער האוזינג, א $500 מיליאן קאפיטל פאנד צו בויען מערסטנס 15,000 נייע היימען אויף סטעיט פראפערטי, און 600 מיליאן דאלאר אין קאפיטל פארשריטן צו שטיצן האוזינג לענגאויס די שטאט. די גאווערנער האט אויך פארזיכערט פינאנצירונג פאר א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלאר דיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען און פרעזערווירן 100,000 יוּניטס פון אפּאָרדעבעל האוזינג אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן